**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/28/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט ׳גרעיט לעיקס טשיז׳ לייגט דעם גרונטשטיין אויף א 518 מיליאן דאלערדיגע פראדוקציע און איינפאקונג פאבריק אין קאטאראוגוס קאונטי

***פאמיליע און באשעפטיגטע-באזיצטע קאמפאני צו האלטן 228 באשעפטיגטע, צוגעבן 215 דזשאָבס אין מערב ניו יארק***

***געמאלענע בילד פון איינריכטונג צו באקומען [דא](#)***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז ׳גרעיט לעיקס טשיז׳ האט געלייגט דעם גרונטשטיין ביי א נייע, טעכנאלאגיש פארגעשריטענע פראדוקציע און איינפאקונג פאבריק אין פראנקלינוויל און פאַרמערסוויל. מיט א קאפיטאל אינוועסטירונג פון איבער 518 מיליאן דאלער, איז דער פראיעקט דער גרעסטע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג אין די געשיכטע פון דער קאמפאני און די גרעסטע עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקט אין די געשיכטע פון קאטאראוגוס קאונטי. ׳גרעיט לעיקס טשיז׳ וועט האלטן 228 דזשאָבס אין דעם ראיאן און גלייכצייטיג צולייגן נאך 215 ארבעטער. עס וועט אויך טאפלען איר מילך אויסניץ צו 1.42 ביליאן פונט יערליך, וועלכס וועט דירעקט בענעפיטן ניו יארקער דעירי פאַרמער. דער נייער פאבריק וועט ערזעצן דעם עקזיסטירנדן פאבריק אין קובע, ניו יארק, ביים פארענדיגן אין 2025. זעט א געמאלענע בילד פון דער איינריכטונג [דא](#).

״ניו יארק׳ס עקאנאמישע אומקער איז שטערקער ווי סיי ווען פריער און דער נייער טעכנאלאגיש פארגעשריטענע ׳גרעיט לעיקס טשיז׳ פראדוקציע און איינפאקונג פאבריק איז א היסטארישע געווינס פאר מערב ניו יארק,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די נייע איינריכטונג — דער גרעסטער עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקט אין די געשיכטע פון קאטאראוגוס קאונטי — וועט צושטעלן אן אויסערגעווענטליכע אונטערהייב-כוח צו דעם עקאנאמישן וואוקס פונ׳ם ראיאן, און העכערן די סטאביליטעט פון אונזער סטעיט׳ס דעירי פאַרמס. איך האב קיינמאל נישט פריער געהאט מער האפענונג פאר׳ן צוקונפט פון קאטאראוגוס קאונטי און מערב ניו יארק אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער צו מאכן היסטארישע אינוועסטירונגען צו פארבעסערן די לעבנס פון שווער-ארבעטנדע ניו יארקער.״

**׳גרעיט לעיקס טשיז׳ CEO דאן זאגזעבסקי האט געזאגט,** ״׳גרעיט לעיקס טשיז׳ האט נישט צוגעלאזן קיין פשרות אין איר זוכעניש פאר אן ארט וואס האט געארבעט פאר אונזערע ארבעטער-באזיצער, אונזערע ביזנעסער, און דער ארטיגער קאמיוניטי. פראנקלינוויל האט צוגעטראפן צו יעדן באדינג. די קאמיוניטי האט פארשטאנען און האט ארומגענומען אונזער בליק פון, ׳איינאיינעם, פאר פילע דורות אין דעם צוקונפט.׳ זיי האבן זיך אנגעשלאסן מיט אונז אויף דער היסטארישער אינוועסטירונג כדי אז דורות ארבעטער-באזיצער קענען בליען אין מערב ניו יארק.״

׳גרעיט לעיקס טשיז׳ איז א נאציאנאלע פראדוצירער און איינפאקער פון נאטורליכע און פראצעסירטע שטיק, געריבענע, און געשניטענע קעזן. די קאמפאני האט אכט עקזיסטירנדע פאבריקן, אריינגערעכנט

צווי ניו יארקער פראדוקציע פאבריקן אין קובא און אדאמס. די קאמפאני בויט אויך א נייע איינריכטונג אין אבילינע, טעקסאס, וואס שטייט גרייט שוין זיך צו עפענען ביים ענדע פון דעם יאר. די פארברייטערטע קאפאציטעט פון דעם נייעם 500,000 סקווער-פיסיגע איינריכטונג אין קאטאראוגוס קאונטי וועט שטיצן דעם וואקסנדן נעץ פון ׳גרעיט לעיקס טשיז׳ איינריכטונגען. די נייע איינריכטונג און די קאמפאני׳ס פראצעסירונג איינריכטונג אין דער נארט קאנטרי וועט אינאיינעם אויסניצן בערך 14.4 פראצענט פון ניו יארק׳ס טאטאלער מילך פראדוקציע.

׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳, דער סטעיט׳ס עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור, האט געשאנקען א 3.7 מיליאן דאלערדיגע גרענט און ביז 14.6 מיליאן דאלער אין רעזולטאטן-באזירט ניו יארק סטעיט עקסעלסיאָר דזשאָבס פראגראם שטייער קרעדיטס אין אויסטויש פאר שאפן 215 נייע דזשאָבס. ESD׳s עקסעלסיאָר דזשאָבס פראגראם מוטיגט ביזנעסער זיך צו פארברייטערן אין ניו יארק, אדער זיך אריבערציען אהער, און גלייכצייטיג אנהאלטן שטרענגע פאראנטווארטליכקייט סטאנדארטן צו גאראנטירן אז ביזנעסער ליפערן אויף דזשאָב און אינוועסטירונג פארשפרעכונגען. אין צוגאב וועט דער ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט (NYPA) צושטעלן איבער 5.3 מעגעוואַטס פון נידעריגע-קאסט ׳רי-טשארדזש-NY׳ ענערגיע קראפט צו שטיצן דער איינריכטונג.

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ אמטירנדע-קאמיסיאנערין און פרעזידענטקע און דעזיגנירטע CEO האופ נייט האט געזאגט,** ״אזוי ווי ׳גרעיט לעיקס טשיז׳ לייגט דעם גרונטשטיין אויף א באאיינדרוקספולע, נייע פראדוקציע פאבריק און טוט באלד טאפלען איר ארטיגע ארבעטסקראפט, טוט דער קאמפאני פארזיכערן איר לאנג-טערמיניגע צוקונפט אין מערב ניו יארק. מיר זענען באגייסטערט צו שטיצן ׳גרעיט לעיקס טשיז׳ אזוי ווי עס לאזט זיך אין וועג אריין אויף איר נעקסטן קאפיטל אין ניו יארק סטעיט.״

**ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט צווישנצייטיגע פרעזידענט און CEO דזשאסטין אי. דריסקאל האט געזאגט,** ״NYPA שטאלצירט זיך צו שטיצן ׳גרעיט לעיקס טשיז׳ פארברייטערונג, וועלכע וועט שאפן 200 דזשאָבס און האבן א באדייטנדע השפעה אויף דער קאטאראוגוס קאונטי עקאנאמיע. NYPA הייִדראָ-פּאַווער איז דער רוקנביין פון עקאנאמישע אנטוויקלונג אין מערב ניו יארק און אונזער שטיצע פאר דעם פראיעקט בויט אויף די צענדליגע טויזנטער דזשאָבס שוין פון פריער געשטיצט דורך דער ניאגארא ענערגיע קראפט פראיעקט.״

**סטעיט אגריקולטור קאמיסיאנער ריטשערד עי. באל האט געזאגט,** ״דאס איז גאר גוטע נייעס פאר ניו יארק דעירי, דער גרעסטער סעקטאר פון ניו יארק׳ס אגריקולטורעלע אינדוסטריע. ׳גרעיט לעיקס טשיז׳ האט א לאנגיעריגע טראדיציע פון פראדוצירן עטליכע פון אונזער סטעיט׳ס פיינסטע דעירי פראדוקטן, און מיר האבן גרויס חשק צו זען ווי זיי פארברייטערן זיך ווייטער, העכערן פארלאנג פאר ניו יארקער דעירי פּאַרמערס מילך און שאפן איבער 200 נייע דזשאָבס — אלע פון וועלכע זענען גרויסע נייעס פאר אונזער דעירי אינדוסטריע. די פארברייטערונג וועט העלפן סאלידיזירן ׳גרעיט לעיקס טשיז׳ צוקונפט און פארזיכערן אז ניו יארק סטעיט בלייבט א פירער אין דעירי איבער׳ן גאנצן לאנד, און מיר קוקן ארויס מיט חשק צו אונזער אנגייענדע צוזאמארבעט מיט זיי.״

**קאטאראוגוס קאונטי IDA עקזעקיוטיוו דירעקטאר קארי וויקטאר האט געזאגט,** ״עס איז אונז א כבוד ווארעם אויפצונעמען ׳גרעיט לעיקס טשיז׳ צו קאטאראוגוס קאונטי! דאס איז דער גרעסטער פריוואטער עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקט אין די געשיכטע פון דער גרויסער קאונטי. מיר האבן איצט א גאלדענע געלעגנהייט צו קאמבינירן אן אינדוסטריע-פירנדע, פאמיליע און באשעפטיגטע-באזיצטע ביזנעס מיט די דעירי און פארמינג טראדיציע אין אינדוסטריע אין קאטאראוגוס קאונטי. אונזערע צוזאמארבעטער ביי ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ האבן געשפילט אן אבסאלוט קריטישע ראלע אין העלפן דעם פראיעקט קומען צו דער ווירקליכקייט אין פּאַרמערסוויל.״

פאמיליע און באשעפטיגטע-באזיצטע ׳גרעיט לעיקס טשיז׳ האט געפייערט איר 60׳סטע יאר פון ביזנעס אין 2018. די קאמפאני׳ס לאנגיעריגע רעקארד פון אינוועסטירן אין בליענדע קאמיוניטיס געקניפט דירעקט צו די קאמפאני וועלכע אפערירט אונטער אן פארמאגערשאפט קולטור. דורך איר ׳ארבעטער סטאָק פארמאגערשאפט פלאן׳, האבן אלע באשעפטיגטע אן אינטערעס אין דעם ביזנעס און א חלק פון די געווינסן.

**סטעיט סענאטאר דזשארדזש עם. בארעלא האט געזאגט,** ״די היינטיגע גרונטשטיין לייגן פאר דעם נייעם היים פון ׳גרעיט לעיקס טשיז׳ פארטרעט א טראנספארמירנדע מאמענט פאר דעם געשעצטן ניו יארק סטעיט קאמפאני און דאס גרייכן דעם שפיץ פון יארן נאכאנאנד ארבעט, פלאנירונג, פראבלעם לייזונג און צוזאמארבעט. מיינע קאנגראטולאציעס און דאנקבארשאפט ווערן אויסגעדרוקט צו דעם עפּפּרעכט פאמיליע, די קאמפאני׳ס פירערשאפט טיעם, און די ברייטע קאאליציע פון סטעיט און ארטיגע צוזאמארבעטער וועלכע האבן מיטגעטיילט אונזער אנטשלאסנקייט אז דער ראיאן איז געווען דער בעסטער ארט פאר ׳גרעיט לעיקס טשיז׳ צו ערפילן איר וויזיע פאר׳ן צוקונפט. איך בין שטאלץ געווען אז איך און מיין טיעם האבן געקענט שתדל׳ען פאר האלטן דעם פראיעקט אין דעם דיסטריקט, באשיצנדיג דזשאָבס און פארזיכערן דערמיט אז דעירי פאַרמס וועלן געניסן פון א פארברייטערטע מארקעט. דער פראיעקט וועט אינגאנצן ענדערן די אומשטענדן אין דעם בעסטן זין, און איך קוק ארויס צוצוזען די גרויסע ערפאלגן בעפארשטייענד אינ׳ם צוקונפט.״

**אסעמבלי-מיטגליד דזשאו גיגליאו האט געזאגט,** ״דאס גרונטשטיין לייגן איז דער אנהויב פון וואונדערליכע זאכן אין דעם צוקונפט פאר אונזער ראיאן און פאר ׳גרעיט לעיקס טשיז׳. עס פריידט מיר גאר שטארק אז דער קאמפאני האט אויסגעקליבן צו בלייבן אין מערב ניו יארק און אז זייער פירערשאפט האט אנערקענט דער ווערד פון דעם טייל פונ׳ם סטעיט. מיר האבן א געניטע און געטרייע ארבעטסקראפט, און א שפע פון שטיצע-מיטלען פאר דער דעירי אינדוסטריע. עס איז דערקוויקנד אז חדשים פאַרהאנדלונגען וועלן רעזולטירן נישט נאר אין האלטן הונדערטער דזשאָבס דאהי, נאר אויך אין צולייגן מער. די ערפאלגרייכע פאבריק אריבערציאונג איז דער רעזולטאט פון די שווערע ארבעט, פלייסיגקייט און קאאפעראציע פון דער פארוואלטונג מאנשאפט ביי ׳גרעיט לעיקס טשיז׳ און פילצאליגע סטעיט און ארטיגע רעגירונג באאמטע און אגענטורן.״

**פאַרמערסוויל טאון געהילף סופערוויזער מארק העבערלינג האט געזאגט,** ״דאס איז א היסטארישער מאמענט פאר אונזער שטאט זיך אומצוקערן צו איר קעז-שאפנדעווארצלען. מיט׳ן מאיאריטעט פון דער איינריכטונג פלאצירט אין פאַרמערסוויל, ווייסן מיר אז דאס וועט פאזיטיוו אפעקטירן אונזערע איינוואוינער און די ארומיגע קאמיוניטי פאר פילע קומענדיגע דורות. מיר קענען נישט זיין מער דערפרייט און מיר האבן גרויס האפענונג פאר׳ן צוקונפט. מיר ווילן דאנקען די אלע וועלכע האבן געהאט א חלק אין די ארבעט, די עפּפּרעכט פאמיליע, דער קאטאראוגוס קאונטי לעגיסלאטור, די קאטאראוגוס קאונטי IDA, און די לאנד-אייגנטימער אריינגערעכנט קאדי ספראג און דזשעיסאן שוואב פאר זייער פאראויס בליק און אנטשלאסנקייט.״

**ווילעדזש אָוו פראנקלינוויל מעיאר מייקל סיקארע האט געזאגט,** ״מיר זענען באגייסטערט צו זיין א טייל פון דעם גרעסטן פראיעקט אין קאטאראוגוס קאונטי׳ס היסטאריע — איינס וואס האלט דזשאבס לאקאל און ברענגט אריין נאך מער דזשאָבס. פונדעסטוועגן זעען מיר אויך נאך ביזנעס אינטערעסן אין פראנקלינוויל שטייגן. עס זאגט צו גוטע נייעס פאר פראנקלינוויל און פאר קלענערע שטעטלעך איבער אמעריקע. עס איז אלצדינג גאר געוואונשן.״

**איבער ׳גרעיט לעיקס טשיז׳**

׳גרעיט לעיקס טשיז׳ איז א פרייז-געווינענדע, פרעמיערע פראדוצירער און איינפאקער פון נאטורליכע און פראצעסירטע שטיק, געריבענע, און געשניטענע קעזן. ׳גרעיט לעיקס טשיז׳, דער לאנד׳ס גרעסטער נאטורליכע קעז איינפאקער, סערווירט גראסערי, קלוב און סופערסטאָרס, ווי אויך רעסטוראנט קייטן און עסנווארג סערוויס דיסטריביוטערס. די קאמפאני האט א נאציאנאלע אנוועזנהייט מיט איינריכטונגען אין אהייאו, ניו יארק, טענעסי, יוטא, וויסקאנסין, און איינס אונטער קאנסטרוקציע אין טעקסאס. פאמיליע און באשעפטיגטע-באזיצטע ׳גרעיט לעיקס טשיז׳ האט געפייערט איר 60׳סטע יאר פון ביזנעס אין 2018.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן